# מיגראנטן אריבערפירן הילף
# פראגראם לענדלארד פאקט בלאט

## וויאזוי עס ארבעט

ניו יארק סטעיט, בשותפות מיט די ניו יארק סיטי רעגירונג, האט אוועקגעשטעלט דעם 'מיגראנטן אריבערפירן און הילף פראגראם' (Migrant Relocation Assistance Program, MRAP) צו העלפן נארוואס-אנגעקומענע פאמיליעס וואס זוכן שיץ און אנדערע בארעכטיגטע פאמיליעס זיך אריבערפירן פון די סיטי'ס שעלטערס אריין אין קביעות'דיגע הייזער אין געגנטער פון די סטעיט וואו מען וועט זיי אויפנעמען. די פראגראם וועט באצאלן ביז איין יאר'ס רענט און געבן סערוויסעס פאר בארעכטיגטע פאמיליע אין אלבאני, עריע, מאנראו, סופאלק, און וועסטשעסטער קאונטיס.

## לענדלארד בענעפיטן

אלץ א לענדלארד שפילט איר א גרויסע ראלע אין די סטעיט'ס פרואוון צו אויפנעמען נארוואס-אנגעקומענע פאמיליעס. די אריבערפירן פראגראם געבט פאר לענדלארדס א געלעגנהייט צו שטארקן און פארבעסערן די לאקאלע ארבעטסקראפט דורך געבן באשיצטע, פארזיכערטע האוזינג פאר פאמיליעס וואס שטעלן אוועק נייע ווארצלען אין די קאמיוניטי. איינציגע פאמיליע וואוינונגען, אפארטמענט געביידעס, אפארטמענטס, טאונהייזער, און קאנדאומיניומס זענען בארעכטיגט.

בענעפיטן פון ווערן א MRAP לענדלארד:

- ליידיגע דירות קענען ווערן געדינגען פון פאראויס פאר א בארעכטיגטע פאמיליע צו וואוינען דערין
- פארלעסליכע, צייטליכע באצאלונגען פון רענט איז גאראנטירט פאר איין יאר
- בארעכטיגטע פאמיליעס ווערן באשטימט דורך און OTDA אויפגענומענע קאמיוניטי סערוויס פראוויידער
- פאמיליעס זענען פארבינדן מיט קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס
- באלוינונגען ווערן צוגעשטעלט, אריינרעכענענדיג א באנוס און זיכערהייט דעפאזיטס

באלוינונגען פאר לענדלארדס אנטיילצונעמען:

- לענדלארד באנוס – 15% פון די יערליכע רענט ווערט באצאלט ביים צייט פון אונטערשרייבן די ליעס
- זיכערהייט דעפאזיט און ערשטע דריי מאנאטן ווערן באצאלן פון פאראויס
- 5,000$ מערערע וואוינונג באנוס פאר לענדלארד פארפליכטונג פון 5 אדער מער דירות
- לענדלארד גאראנטי: אין פאל וואס א לענדלארד איז געצוואונגען צו פארטרייבן די טענענט צוליב וואס דער טענענט באצאלט נישט זיין טייל פון די רענט, וועט דער לענדלארד ווערן צוריקבאצאלט סיי וועלכע פארלוסטן געליטן נאך פון איידער די צייט פון פארטרייבונג פאר די ערשטע יאר פון די ליעס.

זיך צו פארבינדן מיט די אריבערפירן סערוויסעס פראווײַדער אין אייער געגנט ביטע רופט:

| | | |
|---|---|---|
| אלבאני | CENTRO CIVICO | **Rosa De La Cruz**<br>518-424-2084<br>rosa.delacruz@iaal.org |
| עריע | JERICHO ROAD COMMUNITY HEALTH CENTER | **Darcy Kennedy-Ellis**<br>716-939-1408<br>darcy.kennedyellis@jrchc.org |
| מאנראו | IBERO AMERICAN ACTION LEAGUE, INC. | **Daisy Ruiz Marin**<br>585-256-8900 ext. 170<br>daisy.ruiz@iaal.org |
| סופאלק | SEPA Mujer | **Ivan Larios**<br>631-980-2555<br>ilarios@sepamujer.org |
| וועסטשעסטער | Neighbors Link | **Luisa Granda**<br>914-666-3410<br>lgranda@neighborslink.org |

**באמערקונג:** יעדע נישט-בירגער וואס קומט אן ביים גרעניץ און ווערט פראצעסירט דורך די אמעריקאנער קאסטומס און גרעניץ באשיצונג איז אויסגעשטעלט צו זיכערהייט איבערקוקן. זייער בייאגראפיק און בייאמעטריק אינפארמאציע ווערן דורכגעקוקט דורך א סעריע פון געזעץ אייַנפארסירער און אינטעליגענץ דאטאבאזעס. סיי וועלכע נישט-בירגער וואס שטעלט א געפאר פאר נאציאנאלע זיכערהייט אדער פאבליק זיכערהייט זאל ווערן געשיקט צו די אמעריקאנער אימיגראציע און קאסטומס אייַנפארסירונג, אדער אנדערע רעגירונגס אגענטור פאר אויספארשונג.


NEW YORK STATE OF OPPORTUNITY. Office of Temporary and Disability Assistance